# איבער אַ הוטעל

אַ מעשה לכבוד פסח, דערצעהלט פון אַ כתרילעווקער אידען, וואָס האַנדעלט מיט אַבריעזקעס און רויכערט דינע פּאַפּירעסלעך, און איבערדערצעהלט טאַקי מיט זיין לשון.

— אַלץ הייסט ביי אייך צעטראָגען? אַט איז ביי אונז אין כתרילעווקע, הייסט עס, פאַרהאַן, איהר האָרכט צי ניין, אַ איד אַ צעטראָגענער, שלום־שכנא הייסט ער, נאָר רופען רופט מען איהם „שלום־שכנא דרעה זיך", טאַקי איבער זיין צעטראָגענקייט, — איז דאָס אַ צעטראָגענע בריאה, איז דאָס אַ צעטראָגענער מלאך, זאָל זיך דער אויבערשטער ישומר ומרחם זיין! וועה־וועה, וואָס מע דערצעהלט זיך אָן ביי אונז וועגען דעם שלום־שכנא'ן מעשיות מיט אַנעקדאָטען — פּעק, זאָג איך אייך, גאַנצע פּעק! איין עבירה, וואָס איהר האַפּט זיך, ס'איז ערב פּסח. ווייטער וואָלט איך אייך, פּאַני שלום־עליכם, נעגעבען שטאָף, איהר האָרכט צי ניין, וואָלט איהר געהאַט דערנאָך צו שרייבען און צו שרייבען. איין מעשה, אויב איהר ווילט, קאָן איך אייך דערצעהלען, וואָס מיט דעם שלום־שכנא האָט זיך פאַרלאָפען ערב פּסח; ס'איז אַ מעשה מיט אַ הוטעל, און נישט קיין אויסגעטראַכטע מעשה, נאָר איין אמת'ע, אַ ראַיעלע מעשה, חאָטש זעהן זעהט זי אויס ווי איין אַנעקדאָט.

אַזוי האָט אָנגעהויבען אַ כתרילעווקער איד אַ סוחר, וואָס האַנדעלט מיט „אַבריעזקעס" (שטיקלעך פּאַפּיער), גלעט זיך דאָס בערדעל אַרונטער, אין האַלז אַריין, און רויכערט דינע פּאַפּירעסלעך, אַ פּאַפּירעסעל נאָך אַ פּאַפּירעסעל.

איך מוז מודה זיין אָבער, אַז די ראַיעלע מעשה, וואָס דער דאָזיגער כתרילעווקער איד האָט מיר דערצעהלט, חאַפּט טאַקי דעם אָפּבליק פון איין אַנעקדאָט, און איך האָב מיך דעריבער לאַנג געשלאָגען מיט דער דעה, צי איך זאָל זי אייך איבערגעבען, צי ניין? נאָר צוריק האָב איך מיך בעטראַכט: אַ כתרילעווקער איד אַ סוחר, וואָס האַנדעלט מיט אַבריעזקעס, איז ניט שייך צו ליטעראַטור און געהער זיך כלל נישט אָן מיט קיין ספרים. לכן, אַז ער זאָגט ס'איז ראַיעל, איז ער בעגלויבט; און איך גיב אייך איבער די דאָזיגע מעשה מיט זיין לשון נופא, נישט צוגעלעגט מיינס אַ וואָרט אפילו.

* * *

SHOLEM ALEICHEM

# ON ACCOUNT OF A HAT (1913)

"Did I hear you say absentminded? Now, in our town, that is, in Kasrilevke, we've really got someone for you—do you hear what I say? His name is Sholem Shachnah, but we call him Sholem Shachnah Rattlebrain, and is he absentminded, is this a distracted creature, Lord have mercy on us! The stories they tell about him, about this Sholem Shachnah—bushels and baskets of stories—I tell you, whole crates full of stories and anecdotes! It's too bad you're in such a hurry on account of the Passover, because what I could tell you, Mr. Sholom Aleichem—do you hear what I say?—you could go on writing it down forever. But if you can spare a moment I'll tell you a story about what happened to Sholem Shachnah on a Passover eve—a story about a hat, a true story, I should live so, even if it does sound like someone made it up."

These were the words of a Kasrilevke merchant, a dealer in stationery, that is to say, snips of paper. He smoothed out his beard, folded it down over his neck, and went on smoking his thin little cigarettes, one after the other.

I must confess that this true story, which he related to me, does indeed sound like a concocted one, and for a long time I couldn't make up my mind whether or not I should pass it on to you. But I thought it over and decided that if a respectable merchant and dignitary of Kasrilevke, who deals in stationery and is surely no *litterateur*—if he vouches for a story, it must be true. What would he be doing with fiction? Here it is in his own words. I had nothing to do with it.

— אליין איז ער, אַט דער שלום־שכנא חייסט עס, וואָס איך דערצעהל אייך, אַז מע רופט איהם ביי אונז אין כתרילעווקע „שלום־שכנא דרעה זיך“, אַ איד אַ מעקלער, איהר האָרכט צי ניין, וואָס דרעהט זיך אַרום פּריצים, מעקלערט זיי אימעניעס! אימע־ניעס! מאָהלט אייך, עס רעדט זיך נאָר אַזוי אימעניעס. קיין סך אימעניעס האָט מען עפּיס נישט געהאָרכט, אַז שלום־שכנא זאָל אויסמעקלערען. וואָס איז שייך? גאָרנישט. אַ איד רייבט זיך אַרום פּריצים, וואָס האָבען אימעניעס, רעדט ער אַלע מאָל פון „פאָלוואַרקעס“, פון „לעוואַדעס“, „בודינקעס“, „מטשאַרנאָזיאָם“, „דרעשמאַשינען“, „רעמאָנטען“, „וועלדער“, „נעהילץ“, און נאָך אַזעלכע זאַכען, וואָס האָבען אַ שייכות צו אימעניעס.

האָט זיך גאָט אַרומגעקוקט אויף אונזער שלום־שכנא'ן, איהר האָרכט צי ניין, — דאָס ערשטע מאָל זינט ער איז אַ מעקלער פון אימעניעס, ס'איז איהם אָפּגעראָטען, ער האָט אויפגעמעקלערט אַ אימעניע! דאָס הייסט, אויסמעקלערען, מאָהלט אייך, האָבען אויס־געמעקלערט אַנדערע; וואָרום אַז ס'איז געקומען צום טיילען זיך מיט'ן רח"ש, לאָזט זיך אויס מסתמא, אַז דער גאַנצער דרעהער איז דאָ געוועזען ניט שלום־שכנא דרעה זיך, נאָר דראָבקין, אַ איד אַ מעקלער פון אימעניעס פון מינסקער גובערניע, אַ גרויסער, אַ מיראַ'דיגער דרעהער, ער מיט זיינע צוויי ברידער, אויך מעקלערס פון אימעניעס און אויך דרעהערס. איז דאָך געוואָרען, איהר האָרכט צי ניין, אַ ויצעקו: „סטייטש, אַ איד דרעהט און דרעהט, קוים אויסגעדרעהט, קומט מען צו געהן און מע מאַכט איהם פאַר אויס דרעהער!“ חקיצור, שלום־שכנא, איחר האָרכט צי ניין, שווייגט ניט. און עס האָט זיך אָנגעהויבען אַ טומעל, אַ לאָרעניש, אַ דין־תורה, זיך פאַרלאָזט אויף מענטשען, — קוים אויסגעגלייכט און איינגעטיילט זיך — ברוך שפטרני!

בעקומען די עטליכע גראָשענס, האָט אונזער שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, אַוועקגעשיקט אַהיים דעם ווייב די גרעסטע העלפט מסתמא — זי זאָל זיך אַביסעל אַרומצאָהלען די פאָרכעס, אַביסעל אַרויסטרייבען דעם קבצן, אַרומנייהען אויף יום־טוב די קינדער, אַריינפיהרען דעם פּסח, און אליין איז מען דאָך עפּיס אויך אַ שטי־קעל מענטש, ווילט זיך עפּיס קויפען פאַר זיך און ברענגען אויף יום־טוב אַ מתנה דעם ווייב, די קינדער, ווי דער שטייגער פון דער וועלט. דערווייל די צייט שטעהט ניט, אַ טאָג און אַ טאָג, אָט־אָט, אָקאָרשט ווי מע זעהט ניט, איז פּסח. פליהט שלום־שכנא צוועק, איהר האָרכט צי ניין, אויפ'ן טעלעגראַף און קלאַפּט אַוועק אַהיים אַ דעפּעש: „יעדאו בעזפּרעמעננאָ פּאַסקו דאָמאָי.“ — ער פאָהרט, הייסט עס, און וועט נאָר אָהן אַ שום תירוץ זיין אויף יום־טוב אַהיים. נאָר ס'איז גרינג צו זאָגען „יעדאו“, און נאָך „בעז־פּרעמעננאָ“ דערצו, אַז סע „יעדעט“ זיך. פּרובט אָקאָרשט, זייט מוחל, געבען אַ פאָהר־אַרוים אויף אַ ציקאַוועסט צו אונז, קיין כתרילעווקע הייסט עס, מיט דער נייער באַהן, וואָס מע האָט אונז

This Sholem Shachnah I'm telling you about, whom we call Sholem Shachnah Rattlebrain, is a real-estate broker—you hear what I say? He's always with land-owners, negotiating transactions. Transactions? Well, at least he hangs around the landowners. So what's the point? I'll tell you. Since he hangs around the landed gentry, naturally some of their manner has rubbed off on him, and he always has a mouth full of farms, home-steads, plots, acreage soil, threshing machines, renova-tions, woods, timber, and other such terms having to do with estates.

One day God took pity on Sholem Shachnah, and for the first time in his career as a real-estate broker—are you listening?—he actually worked out a deal. That is to say, the work itself, as you can imagine, was done by others, and when the time came to collect the fee, the big rattler turned out to be not Sholem Shachnah Rat-tlebrain, but Drobkin, a Jew from Minsk province, a great big fearsome rattler, a real-estate broker from way back—he and his two brothers, also brokers and also big rattlers. So you can take my word for it, there was quite a to-do. A Jew has contrived and connived and has finally, with God's help, managed to cut himself in—so what do they do but come along and cut him out! Where's justice? Sholem Shachnah wouldn't stand for it—are you listening to me? He set up such a holler and an outcry—"Look what they've done to me!"—that at last they gave in to shut him up, and good riddance it was, too.

When he got his few cents Sholem Shachnah sent the greater part of it home to his wife, so she could pay off some debts, shoo the wolf from the door, fix up new outfits for the children, and make ready for the Pass-over holidays. And as for himself, he also needed a few things, and besides he had to buy presents for his fam-ily, as was the custom.

Meanwhile the time flew by, and before he knew it, it was almost Passover. So Sholem Shachnah—now lis-ten to this—ran to the telegraph office and sent home a wire: "*Arriving home Passover without fail.*" It's easy to say "arriving" and "without fail" at that. But you just try it! Just try riding out our way on the new train and see how fast you'll arrive. Ah, what a pleasure! Did they do us a favor! I tell you, Mr. Sholom Aleichem, for a taste of Paradise such as this you'd gladly forsake

ן טובה געטהאָן און צוגעפיהרט, וועט איהר פיהלען א טעם גן־
עדן! איהר וועט שוין פארזאָגען קינדס־קינדער! ווארום ביז איהר
קומט קיין זלאָדיעווקע, ווייסט איהר נאָך, אז איהר פאָהרט, און
אז איהר קומט קיין זלאָדיעווקע, האָט איהר א „פערעסאדקע“, דאָס
הייסט, איהר דארפט זיך איבערזעצען אויף דער נייער באהן, וואָס
מע האָט אונז א טובה געטהאָן און צוגעפיהרט קיין כתרילעווקע.
בּאדארפט איהר קודם בּלייבען שטעהן אויף עטליכע שעה לויט דער
„ראָספּיסאניע“, אויב מע פארשפּעטיגט ניט. און ווען? אקוראט
נאָך האלבע נאכט, ווען ס'איז גוט מלאָסנע אויס'ן הארצען און עס
ווילט זיך גוט שלאָפען, און ס'איז נישטאָ אפילו וואו דעם קאָפּ
צוצושפּארען — נישט אומויסט זאָגען אונזערע כתרילעווקער חכמים
און פארטייטשען, ווי אייער טביח טייטשט: „טוב שם משמן
טוב — סוואָמי דאָבּרע, א בּעז וואָס לוטשע“. דער פּשט איז:
אז אָ ה ן דער באהן איז געוועזן א סך בעסער, ווי מ י ט דער
באהן.

בקיצור, געקומען מיט'ן משעמאָראנדעל קיין זלאָדיעווקע, האָט
אונזער שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, וואָס איז שוין פריהער
צוויי נעכט נישט געשלאָפען, זיך צוגעגרייט ליידען חבוט־הקבר,
דאָס הייסט, אפּוואַרטען א נאכט — וואָס זאָל מע טהון? — און
גענומען זוכען איין אָרט אויף צוצוזעצען זיך. ווער? וואָס? —
נישטאָ! אָנגערויכערט, אָנגעשפּיגען, פינסטער, חושך. איין שמי־
קעל אָרט האָט ער קוים געפונען אויף א באנק דעם קאָפּ אָנצושפּאַ־
רען, אָבער טאָקי מעהר נישט ווי דעם קאָפּ אָנצושפּארען, ווארום
כמעט די גאנצע באנק האָט פארנומען עפּיס א פּריץ א „קנעפּעל“,
וואָס האָט זיך צעלעגט גאנץ ברייטליך און פּאָפּט. ווער דאָס קנע־
פּעל איז, פון וואַנען און וואוהין ער פאָהרט — דאָס ווייסט ער ניט,
שלום־שכנא הייסט עס. נאָר זעהען זעהט ער, אז דאָס בּאדארף
זיין א גרויס קנעפּעל. אָבער גאָר א גרויס קנעפּעל! נאָכ'ן היטעל
האָט ער ארויסגעוועהען. א „וואָיענע“ היטעל מיט א רויטען אקאָ־
לעשאָק און מיט א קאָקארדע. „אפשר איז דאָס א „וואָיענער“,
און אפשר א „פּאָליציי‌סקער“ — ווער קאָן עס וויסען? געוויס איז
ער געקומען צו פאָהרען מיט א גלאָק, אָפּגעגעסען און אָנגעשליאָ־
קעט, זיך צעלעגט ווי ביי'ם טאַטען אין ווייגגאָרטען און פּאָפּט!
„צו זיין א גוי און נאָך א קנעפּעל דערצו איז, אפנים, טאָקי גאָר
נישט שלעכט?“ — אזוי טראַכט ער זיך, שלום־שכנא הייסט עס,
און שלאָגט זיך מיט דער דעה: צי זאָל ער זיך זעצען אָט דאָ,
נעבען דאָזיגען קנעפּעל, צי זאָל ער זיך בעסער האַלטען פון דערווייַ־
טען? א קשיא אויף א מעשה, היינטיגע צייטען — מי יודע, וואָס
פאר א קנעפּעל, וואָס פאר איין אָרון בפקדך דאָס איז? גוט, ווען
ס'איז נאָר א פּריסטאַוו. וואָס וועט אָבער זיין, אז דאָס איז א
איספּראַווניק? אָדער א זעמסקי נאַטשאַלניק? אָדער גאָר א הע־
כערער פּריץ? אָדער אפשר איז דאָס גאָר פּורישקעוויטש, ימח
שמו וזכרו מלהזכירו?... לאָז ער שוין איבערגעהן אויף אנדערע

your own grandchildren! You see how it is: until you get to Zolodievka there isn't much you can do about it, so you just lean back and ride. But at Zolodievka the fun begins, because that's where you have to change, to get onto the new train, which they did us such a favor by running out to Kasrilevke. But not so fast. First there's the little matter of several hours' wait, exactly as announced in the schedule—provided, of course, you don't pull in after the Kasrilevke train has left. And at what time of night may you look forward to this treat? The very middle, thank you, when you're dead tired and disgusted, without a friend in the world except sleep—and there's not one single place in the whole station where you can lay your head, not one. When the wise men of Kasrilevke quote the passage from the Holy Book, *"Tov shem meshemen tov,"* they know what they're doing. I'll translate it for you: We were better off without the train.

To make a long story short, when our Sholem Shachnah arrived in Zolodievka with his carpetbag he was half dead; he had already spent two nights without sleep. But that was nothing at all to what was facing him—he still had to spend a whole night waiting in the station. What shall he do? Naturally he looked around for a place to sit down. Whoever heard of such a thing? Nowhere. Nothing. No place to sit. The walls of the station were covered with soot, the floor was covered with spit. It was dark, it was terrible. He finally discovered one miserable spot on a bench where he had just room enough to squeeze in, and no more than that, because the bench was occupied by an official of some sort in a uniform full of buttons, who was lying there all stretched out and snoring away to beat the band. Who this Buttons was, whether he was coming or going, he hadn't the vaguest idea—Sholem Shachnah, that is. But he could tell that Buttons was no dime-a-dozen official. This was plain by his cap, a military cap with a red band and a visor. He could have been an officer or a police official. Who knows? But surely he had drawn up to the station with a ringing of bells, had staggered in, full to the ears with meat and drink, laid himself out on the bench as in his father's vineyard, and worked up a glorious snoring.

It's not such a bad life to be a Gentile, and an official one at that, with buttons, thinks he—Sholem Shachnah, that is—and he wonders, dare he sit next to this Buttons, or hadn't he better keep his distance? Nowadays you never can tell whom you're sitting next to. If he's no more than a plain inspector, that's still all right. But what if he turns out to be a district inspector? Or a

העגט! — און עס ווערד איהם אזש קאלט, שלום־שכנא'ן הייסט עס, פון אזא געראנק... נאר צוריק אבער טהוט ער זיך א קלער, איהר הארכט צי ניין: ווער מיר קנעפעל? וואס מיר פורישקעוויטש? צאהלט ער דען ניט פאר זיין בילעט גלייך מיט פורישקעוויטש'ען? צי איז דאס טאקי א יושר, אז דאס גאנצע ביסעל עולם־הזה זאל אריינפאלען צו איינעם, און דעם אנדערען גארניט?... יענער פאפט אזוי געשמאק, פאר וואס זאל ער זיך נישט צושפארען האטש אויף א ווײלע? מען איז דאך נישט מעהר ווי א מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאפען! נעמט ער, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך אוועק אויף איין עק באנק און שפארט אן דעם קאפ, נישט אויף צו שלאפען, חלילה, נאר גלאט אזוי, חאפען א דרימעל. דערמאנט ער זיך אבער, אז ער פאהרט אויף פסח אהיים, און מארגען איז שוין ערב פסח, טאמער, חלילה, ווערד ער טאקי אנשלאפען און פארשפעטיגט דעם פאיעזד?!... איז מען דאך אבער א איד, איהר הארכט צי ניין, פאלט ער אויף איין עצה, שלום־שכנא הייסט עס, און זוכט אויס דעם סטאראזש פון סטאנציע, א באקאנטער גוי, יארעמע הייסט ער, און מאכט אפ מיט איהם אזא געשעפט: היות אזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, וועט זיך צושפארען א ביסעל אט דא אויף איין עק באנק, וואו דער אדון ליגט, און היות אזוי ווי ער, שלום־שכנא הייסט עס, שוין די דריטע נאכט, אז ער האט קיין אויג נישט צוגעמאכט, האט ער מורא. ער זאל, חלילה וחס, נישט פארשפעטיגען דעם פאיעזד, על כן זאל ער, יארעמע הייסט עס, למען השם, טאמער שלאפט ער, איהם אויפוועקען, שלום־שכנא'ן הייסט עס, ווארום מארגען אויף דער נאכט האבען מיר יום־טוב, פסח — „פאסכא", ניט ער איהם צו פארשטעהן אויף גויעש און רוקט איהם אריין אין יד אריין, און זאגט צו איהם נאך אמאל: „פאסכא, יארעמע, טשי טי פאנימאיעש, גויעשער קאפ, נאשא פאסכא!" — נעמט דער גוי צו מסתמא, איהר הארכט צי ניין, די מטבע, לעגט אריין אין קעשעני און זאגט איהם צו, אז ער מעג זיין רוהיג, וויבאלד נאר ס'וועט זיין א פאוויעסטקע אויפ'ן פאיעזד, אזוי וועקט ער איהם אויף. און ער נעמט, שלום־שכנא הייסט עס, און זעצט זיך צו, פריהער מיט א זייט, דערנאך אינגאנצען; דאס טשעמאדאנדעל, מע זאל עס ניט אוועק'לקח'נען, מאסטעט ער איין נעבען זיך, און אליין מאסטעט ער זיך אויך איין, וואס ווייטער אלץ בעסער און העכער, מאכט־צו א האלב אויג, מיט דער דעה, געוויינטליך, ער זאל נאר חאפען א דרימעל, נישט מעהר. דערנאך בויגט ער אונטער איין פוס, נאך א פוס, — און איז אט אזוי פאוואלינקע אנשלאפען געווארען, אבער ווי אזוי, מיינט איהר, אנשלאפען געווארען? ראיעל! ווי גאט האט געבאטען: דעם קאפ פארווארפען, דאס היטעל האט זיך אראפגערוקט פון קאפ אויף דער ערד, און מיין שלום־שכנא, איהר הארכט צי ניין, חראפעט אויף וואס די וועלט שטעהט — א לעבעדיגער מענטש, צוויי נעכט ניט געשלאפען, וואס פאר א וואונדער?

provincial commander? Or even higher than that? And supposing this is even Purishkevitch himself, the famous anti-Semite (may his name perish)? Let someone else deal with him, and Sholem Shachnah turns cold at the mere thought of falling into such a fellow's hands. But then he says to himself—now listen to this—Buttons, he says, who the hell is Buttons? And who gives a hang for Purishkevitch? Don't I pay my fare the same as Purishkevitch? So why should he have all the comforts of life and I none? If Buttons is entitled to a delicious night's sleep, then doesn't he—Sholem Shachnah, that is—at least have a nap coming? After all, he's human too, and besides, he's already gone two nights without a wink. And so he sits down on a corner of the bench and leans his head back, not, God forbid, to sleep, but just like that, to snooze. But all of a sudden he remembers he's supposed to be home for Passover, and tomorrow is Passover eve! What if, God have mercy, he should fall asleep and miss the train? But that's why he's got a Jewish head on his shoulders—are you listening to me or not? So he figures out the answer to that one, too—Sholem Shachnah, that is—and goes looking for a porter, a certain Yeremei (he knows him well), to make a deal with him. Whereas he, Sholem Shachnah, is already on his third sleepless night and is afraid, God forbid, that he may miss his train, therefore let him—Yeremei, that is—in God's name, be sure to wake him, Sholem Shachnah, because tomorrow night is a holiday, Passover. "Easter," he says to him in Russian and lays a coin in Yeremei's mitt. "Easter, Yeremei, do you understand, *goyisher kop?* Our Easter." The peasant pockets the coin, no doubt about that, and promises to wake him at the first sign of the train—he can sleep soundly and put his mind at rest. So Sholem Shachnah sits down in his corner of the bench, gingerly, pressed up against the wall, with his carpetbag curled around him so that no one should steal it. Little by little he sinks back, makes himself comfortable, and half shuts his eyes—no more than forty winks, you understand. But before long he's got one foot propped up on the bench and then the other; he stretches out and drifts off to sleep. Sleep? I'll say sleep, like God commanded us: with his head thrown back and his hat rolling away on the floor. Sholem Shachnah is snoring like an eight-day wonder. After all, a human being, up two nights in a row—what would you have him do?

He had a strange dream. He tells this himself—that is, Sholem Shachnah does. He dreamed that he was riding home for Passover—are you listening to me?—but not on the train, in a wagon, driven by a thievish

אנשלאָפען געוואָרען, — אזוי דערצעהלט ער אליין, שלום־שכנא הייסט עס, — חלום'ט זיך איהם א מאָדנער חלום, א גאנץ פארפלאָנטעניש: אז ער פאָהרט, איהר האָרכט צי ניין, אהיים טאָקי אויף פסח, נאָר וואָס דענן? נישט מיט דער באהן, מיט א גויעשער פוהר פאָהרט ער, מיט א באקאַנטען ערל, איוואן זלאָדי רופט מען דעם ערל; די פערדלעך שלעפּען זיך, קוים־קוים וואָס זיי פלאָנטען די פיס. שלום־שכנא איז אין! איינע צרות, טאָרעט דעם ערל פון הינטען אין פלייצע: „שאָב טובי חוואראָבע, איוואנו סערדצע, ווי דו שלעפּסט זיך! האָסט פארגעסען, איוואן זלאָדי, אז אָט־אָט האָבען מיר פסח, פּאַסקאַ נאשאַ יעווריסקא?" איין מאָל און צוויי מאָל און דריי מאָל. דער ערל, פארשטעהט זיך, האָט געשווינען־געשווינגען, דערנאָך אז ער טהוט ניט א שמיים די פערדלעך, אָבער געשמאַק, איהר האָרכט צי ניין, און די פערדלעך טהוען א טראָג דעם וואָגען, ווי די רוחות, בארג־אראָפּ, בארג־ארויף, פי־פאָ־פאו! שלום־שכנא האָט אוש דאָס היטעל פארלוירען; נאָך א מינוט — און ער ווערד צעשאָטען. „איוואנו סערדצע, דער־זשי קאָני!" — האַלט די פערד, הייסט עס, — שרייט שלום־שכנא צום ערל און חאַפּט זיך מיט ביידע הענד ביי'ם קאָפּ און קלאָגט זיך, אז ער האָט פארלוירען דאָס היטעל. ווי קאָן ער אריינפאָהרען אין שטאָדט אָהן א היטעל? נאָר שריי היינט, שריי מאָרגען, — דער ערל טרייבט די פערדלעך, און די פערדלעך טראָגען. נאָר פלוצים — טפּררו! — מען איז שטעהן געבליבען, און דוקא אין מיטען פעלד, איהר האָרכט צי ניין, איז מען שטעהן געבליבען. וואָס איז געשעהן? גאָרניט. „שטעה אויף — זאָגט צו איהם דער ערל — שטעה אויף, שוין צייט". וואָס צייט? ווער צייט? פארשטעהט נישט שלום־שכנא. חאַפּט ער זיך אויף, רייבט זיך די אויגען און וויל זיך לאָזען געהן, פיהלט ער אָבער, אז ער איז אָהן א היטעל. די משמעות, אז דער חלום איז ניט קיין חלום; ווי־זשע קומט ער אהער? עס האָט אָבער לאנג נישט געדויערט, שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, איז געקומען צו זיך, דערקענט דעם ערל, אז ס'איז גאָרניט איוואן זלאָדי, ס'איז גאָר יארעמע דער סטאָראָזש! דערמאָנט ער זיך, אז ער איז אין זלאָדיעווקע אויף דער סטאַנציע, און אז ער פאָהרט אויף פסח אהיים, און אז ער דאַרף נאָך לויפען צו דער קאַססע נאָך א בילעט, נאָר וואָס דענן? נישטאָ קיין היטעל. דאָס טשעמאָדאַנדעל איז דאָ, און דאָס היטעל ניט!

וואו קאָן זיין דאָס היטעל? ער שאַרט ארום זיך מיט די הענט, שאַרט און שאַרט און טאַפּט אָן א היטעל, ניט זיין היטעל — ווער? וואָס? — דעם אָרון בסקרך'ס היטעל מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָקאַרדע, איהר האָרכט צי ניין, און פּאַשאָל גלייך צו דער קאַססע, נאָך א בילעט הייסט עס. און ביי דער קאַססע איז איין ענגשאַפט, קאָפּ אויף קאָפּ! האָט ער מורא, שלום־שכנא הייסט עס, טאָמער, חלילה, קויפט מען אוים אלע בילעטען, שטופּט

peasant, Ivan Zlodi we call him. The horses were terribly slow, they barely dragged along. Sholem Shachnah was impatient, and he poked the peasant between the shoulders and cried, "May you only drop dead, Ivan darling! Hurry up, you lout! Passover is coming, our Jewish Easter!" Once he called out to him, twice, three times. The thief paid him no mind. But all of a sudden he whipped his horses to a gallop and they went whirling away, up hill and down, like demons. Sholem Shachnah lost his hat. Another minute of this and he would have lost God knows what. "Whoa, there, Ivan old boy! Where's the fire? Not so fast!" cried Sholem Shachnah. He covered his head with his hands—he was worried, you see, over his lost hat. How can he drive into town bareheaded? But for all the good it did him, he could have been hollering at a post. Ivan the Thief was racing the horses as if forty devils were after him. All of a sudden—tppprrru!—they came to a dead stop. What's the matter? Nothing. "Get up," said Ivan, "time to get up."

Time? What time? Sholem Shachnah is all confused. He wakes up, rubs his eyes, and is all set to step out of the wagon when he realizes he has lost his hat. Is he dreaming or not? And what's he doing here? Sholem Shachnah finally comes to his senses and recognizes the peasant. This isn't Ivan Zlodi at all, but Yeremei the porter. So he concludes that he isn't on a high road after all, but in the station at Zolodievka, on the way home for Passover, and that if he means to get there he'd better run to the window for a ticket, but fast. Now what? No hat. The carpetbag is right where he left it, but his hat? He pokes around under the bench, reaching all over, until he comes up with a hat—not his own, to be sure, but the official's, with the red band and the visor. But Sholem Shachnah has no time for details and he rushes off to buy a ticket. The ticket window is jammed; everybody and his cousins are crowding in. Sholem Shachnah thinks he won't get to the window in

ער זיך מיט'ן טשעמאָדאַנדעל צווישען עולם. דערזעהען א רויטען אָקאָלעשאָק מיט א קאָקאָרדע, טרעט מען איהם אָפּ דעם וועג. „וואס קאודא, וואשע בלאגאָראָדיע?" — פרעגט ביי איהם דער קאססיר. חדוש'ט זיך שלום־שכנא: וואס פאר א בלאגאָראָדיע אין מיטען דרינען? און א ביסעל פאַרדריסט עס איהם: למאי זאָל א גוי לאכען פון א אידען? זאָגט ער איהם, שלום־שכנא צום קאססיר, הייסט עס, אז קיין כתרילעווקע. פרעגט איהם איבער דער קאססיר נאָך א מאָל און קוקט איהם גלייך אויפ'ן אָקאָלעשאָק און אויף דער קאָקאָרדע: „וואָסער קלאס, וואשע בלאגאָראָדיע?" פאַרדריסט עס איהם נאָך מעהר, נעוויינטליך, און עס ווילט זיך איהם אָפּבאָרען דעם קאססיר, אָבער טאקי ראיעל, ווי עס געהער צו זיין, א גוי זאָל ניט האָבען קיין טבע אָפּצולאכען פון א אידען. נאָר צוריק איז ער זיך מיישב: „א איד איז אין גלות, איהר האָרכט צי ניין, עס, לאָז מיינס איבערגעהן!" און ער הייסט זיך געבען א בילעט דריטע קלאס. חדוש'ט זיך דער קאססיר און פרעגט איהם איבער נאָך א מאָל, וועלכע קלאס? ווערד שוין מסתמא שלום־שכנא רעכט אין כעס און זאָגט איהם ברחל בתך הקטנה: דריטע! איז זיך מיישב דער קאסיר: דריטע, איז דריטע...

הקיצור, באקומען דעם בילעט, חאפּט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאָס טשעמאָדאַנדעל און לאָזט זיך הענרום־פענדום אין דער סאמע הושטשע, אידען און, להבדיל, גויים, זוכט דעם וואגאָן דריטע קלאס. דער עולם, דערזעהען איין אָקאָלעשאָק מיט א קאָקאָרדע, צעגעהט זיך מסתמא מיט דרך־ארץ, מאכט דעם אָרון א וועג. שלום־שכנא וואונדערט זיך אפילו, נאָר ער געהט ווייטער און באַגעגענט פון וואגאָן ארויס א קאָנדוקטאָר מיט א לאנטערן: „זדיעס טרעטי קלאס?" — פרעגט איהם שלום־שכנא און שטעלט שוין אוועק א פוס, שטופּט דעם טשעמאָדאַן אויף צופריהער. „זדיעס, וואשע בלאהאָראָדיע!" — ענטפערט איהם דער קאָנדוקטאָר און לאָזט איהם ניט געהן ווייטער. — „ס'איז אָנגעפּאקט, זאָגט ער איהם, וואשע בלאהאָראָדיע, פול ווי איין אויג, א נאָדעל נישט דורכצוווארפען!" און ער נעמט אוועק ביי שלום־שכנא'ן דאָס טשעמאָדאַנדעל, איהר האָרכט צי ניין, און זאָגט צו איהם: „קומט מיט מיר, וואשע בלאהאָראָדיע, וועל איך אייך געבען איין אָרט". „וואס פאר א שלאק? — טראכט ער זיך, שלום־שכנא, הייסט עס. — וואשע בלאהאָראָדיע און וואשע בלאהאָראָדיע!" און זיין קאָפּ ליגט איהם גאָר אין טשעמאָדאַנדעל, ער האָט מורא, אז פון דעם „וואשע בלאהאָראָדיע" זאָל ער דערווייל נישט בלייבען, איהר האָרכט צי ניין, אָהן א טשעמאָדאַנדעל; און ער לויפט נאָך נאָכ'ן קאָנדוקטאָר מיט'ן לאנטערן, און דער קאָנדוקטאָר מיט'ן לאנטערן פיהרט איהם אריין אין וואגאָן צווייטע קלאס, נאָר דער וואגאָן צווייטע קלאס איז אויך פול געפּאקט, קאָפּ אויף קאָפּ, א נאָדעל נישט דורכצוווארפען. „געהען מיר ווייטער, וואשע בלאהאָראָדיע!" — מאכט צו איהם דער קאָנדוקטאָר, חאפּט דעם טשעמאָדאַנדעל ווידער א מאָל און לאָזט זיך געהן ווייטער, און שלום־שכנא

time, perish the thought, and he starts pushing forward, carpetbag and all. The people see the red band and the visor and they make way for him. "Where to, Your Excellency?" asks the ticket agent. What's this Excellency, all of a sudden? wonders Sholem Shachnah, and he rather resents it. Some joke, a Gentile poking fun at a Jew. All the same he says—Sholem Shachnah, that is—"Kasrilevke." "Which class, Your Excellency?" The ticket agent is looking straight at the red band and the visor. Sholem Shachnah is angrier than ever. I'll give him an Excellency so he'll know how to make fun of a poor Jew! But then he thinks: Oh well, we Jews are in Diaspora—do you hear what I say?—let it pass. And he asks for a ticket third class. "Which class?" the agent blinks at him, very surprised. This time Sholem Shachnah gets good and sore and he really tells him off. "Third!" he says. All right, thinks the agent, third is third.

In short, Sholem Shachnah buys his ticket, takes up his carpetbag, runs out onto the platform, plunges into the crowd of Jews and Gentiles, no comparison intended, and goes looking for the third-class carriage. Again the red band and visor work like a charm; everyone makes way for the official. Sholem Shachnah is wondering, what goes on here? But he runs along the platform till he meets a conductor carrying a lantern. "Is this third class?" asks Sholem Shachnah, putting one foot on the stairs and shoving his bag into the door of the compartment. "Yes, Your Excellency," says the conductor, but he holds him back. "If you please, sir, it's packed full, as tight as your fist. You couldn't squeeze a needle into that crowd." And he takes Sholem Shachnah's carpetbag—you hear what I'm saying?—and sings out, "Right this way, Your Excellency, I'll find you a seat." "What the devil!" cries Sholem Shachnah. "Your Excellency and Your Excellency!" But he hasn't much time for the fine points; he's worried about his carpetbag. He's afraid, you see, that with all these Excellencies he'll be swindled out of his belongings. So he runs after the conductor with the lantern, who leads him into a second-class carriage. This is also packed to the rafters, no room even to yawn in there. "This way please, Your Excellency!" And again the conductor grabs the bag and Sholem Shachnah

נאָך איהם. „וואוהין פיהרט ער מיך?" — טראַכט זיך שלום־שכנא און ברעכט זיך דעם קאָפּ אויפ'ן וואַשע בלאַהאָראָדיע און לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג בעת מעשה פונ'ם טשעמאָדאַנדעל. — דאָס איז ביי איהם בילכער. און אָט זענען זיי שוין אין וואַגאָן ערשטע קלאַס! דאָ שטעלט אוועק דער קאָנדוקטאָר דאָס טשעמאָדאַנדעל, נעמט זיך פּאַרקאָזוראַק, טהוט זיך א נייג צו שלום־שכנא'ן, שלום־שכנא צו איהם, און ער, שלום־שכנא, הייסט עס, בלייבט אליין.

נעבליבען איינער אליין איבער א גאַנצען וואַגאָן, הויבט אָן שלום־שכנא ארומצוקוקען זיך, איהר האָרכט צי ניין, וואו ער איז אין דער וועלט; ער פאַרשטעהט ניט, פאַר וואָס עפּיס פּלוצים אַזאַ כבוד: וואַגאָן ערשטע קלאַס... פּאַרקאָזוראַק... וואַשע בלאַהאָראָדיע!... ניט שוין־זשע איז דאָס דערפאַר, וואָס ער האָט דורכגעשלאָגען אַזאַ געשעפט, געמאַכט א אימעניע?... וואָלט ער דעם כבוד געהאַט פון אייגענע, פון אידען הייסט עס, וואָלט נאָך געווען צו פאַרשטעהן. אָבער גויים! דער קאַססיר! דער קאָנדוקטאָר! צי איז דאָס נישט אינגאַנצען א חלום?... און שלום־שכנא, איהר האָרכט צי ניין, טהוט זיך א רייב דעם שטערן, חאַפּט א קוק פאַרבייגעהענדיג אויף זיך אין שפּיגעל — ס'איז איהם פּרחה נשמתו געוואָרען! ער האָט דערזעהן, איהר האָרכט צי ניין, דעם אָרון בפקרך! ער האָט איהם דערקענט! „וואָס ס'האָט זיך מיר גע־חלומ'ט די נאַכט און יענע נאַכט און א גאַנץ יאָהר, זאָל אויסגעהן צו יאָרעמע'ס קאָפּ און צו זיינע הענט און פיס! איין ערל קאָן! מע זאָגט איהם אָן צוואַנציג מאָל, און מע באַצאָהלט איהם, ער זאָל אויפוועקען צום פּאָיעזד מיך, שלום־שכנא'ן, נעהמט ער, א חלירע איהם אין פּנים, און וועקט אויף דעם אָרון בפקרך, און שלום־שכנא'ן לאָזט ער ליגען אויף דער באַנק! א קלאָג איז צו דיין קאָפּ, שלום־שכנא, וועסט שוין, דאַכט זיך, פּסח האַלטען אין זלאָדיעווקע היינטיגס יאָהר, ניט אין דער היים!"... און נישט לאַנג געטראַכט, חאַפּט ער, שלום־שכנא הייסט עס, דאָס טשעמאָדאַנדעל, איהר האָרכט צי ניין, און — פּאָרץ פון וואַגאָן ארויס צוריק אויפ'ן וואָקזאַל, גלייך צו דער באַנק, וואו שלום־שכנא ליגט, אויפוועקען שלום־שכנא'ן, וואָרום אָקערשט ווי מע זעהט ניט, קאָן דער לאָקאָמאָטיוו, חלילה, געבען א פייף און אָנפייפען שלום־שכנא'ן אין פּסח אריין! און כך הוה: ווי נאָר שלום־שכנא איז ארויסגעשפּרונגען מיט'ן טשעמאָדאַנדעל פון וואַגאָן ארויס, אַזוי האָט זיך געלאָזט הערען, איהר האָרכט צי ניין, א פייף און נאָך א פייף און הלך משה מרדכי — א גוטען טאָג מיט דער קאַפּאָטע!

— — — — — — — — — — — — — — —

— וואָס ווייטער איז געווען, ווילט איהר וויסען? — אַזוי האָט דער כתרילעווקער איד, וואָס האַנדעלט מיט אָבריעזקעס, אויסגעלאָזט זיין ספּור המעשה מיט א שמייכעלע און פאַררויכערט א פרישע פּאַפּירעסעל, דין ווי א שטרוי. — וואָס ווייטער איז געווען, דאָס איז שוין ניט וואַזשנע. דער עיקר איז, וואָס אונזער „שלום־שכנא

lights out after him. "Where in blazes is he taking me?" Sholem Shachnah is racking his brains over this Excellency business, but meanwhile he keeps his eye on the main thing—the carpetbag. They enter the first-class carriage, the conductor sets down the bag, salutes, and backs away, bowing. Sholem Shachnah bows right back. And there he is, alone at last.

Left alone in the carriage, Sholem Shachnah looks around to get his bearings—you hear what I say? He has no idea why all these honors have suddenly been heaped on him—first class, salutes, Your Excellency. Can it be on account of the real-estate deal he just closed? That's it! But wait a minute. If his own people, Jews, that is, honored him for this, it would be understandable. But Gentiles! The conductor! The ticket agent! What's it to them? Maybe he's dreaming. Sholem Shachnah rubs his forehead and while passing down the corridor glances in the mirror on the wall. It nearly knocks him over! He sees not himself but the official with the red band. That's who it is! "All my bad dreams on Yeremei's head and on his hands and feet, that lug! Twenty times I tell him to wake me and I even give him a tip, and what does he do, that dumb ox, may he catch cholera in his face, but wake the official instead! And me he leaves asleep on the bench! Tough luck, Sholem Shachnah old boy, but this year you'll spend Passover in Zolodievka, not at home."

Now get a load of this. Sholem Shachnah scoops up his carpetbag and rushes off once more, right back to the station where he is sleeping on the bench. He's going to wake himself up before the locomotive, God forbid, lets out a blast and blasts his Passover to pieces.

And so it was. No sooner had Sholem Shachnah leaped out of the carriage with his carpetbag than the locomotive did let go with a blast—do you hear me?—one followed by another, and then, good night!

The paper dealer smiled as he lit a fresh cigarette, thin as a straw. "And would you like to hear the rest of the story? The rest isn't so nice. On account of being such a rattlebrain, our dizzy Sholem Shachnah had a misera-

דרעה זיך" האָט איבער זיין צעטראָגענקייט געהאַט אַ וויסטען פּסח,
אויסגעריסען געוואָרען ביידע סדרים ערגיץ ביי אַ אידען אין זלאָ־
דיעווקע. נאָר דער פּסח, ווי דער פּסח — דער נאָך־פּסח איז געווען
אַ סך ערגער: ערשטענס, האָט ער, שלום־שכנא הייסט עס, אַ
ווייב, איהר האָרכט צי ניין, — ווי זאָל איך אייך זי מעלדען?
איהר האָט אַ ווייב, איך האָב אַ ווייב, מיר אַלע האָבען ווייר
בער און ווייסען דעם טעם. וואָס הייסט אַ ווייב... איך קאָן אייך
נאָר זאָגען: אַ ראַיעלע אידינע שלום־שכנא'ס ווייב! זי האָט זיך
אַ נעם געגעבען צו איהם נאַנץ ראַיעל. זי האָט צו איהם נישט
געהאַט קיין טענות ניט דערפאַר, וואָס ער איז ניט געקומען אויף
יום־טוב אַהיים, און נישט פאַר'ן רויטען אָקאָלעשאָק מיט דער קאָ־
קאַרדע — ניין! דאָס אַלץ איז זי איהם דערווייל מוחל; דערפאַר
וועט זי זיך שוין מיט איהם שפּעטער רעכענען; — אַ טענה צו
איהם האָט זי געהאַט נאָר פאַר דער דעפּעש. און ניט אַזוי פאַר
דער דעפּעש, איהר האָרכט צי ניין, ווי פאַר'ן וואָרט „בעזופּרע־
מעננאָ". וועלכע גוטע יאָהר האָט איהם געטראָגען, ער זאָל רייך
מאַכען קאַזנאַ: „בעזופּרעמעננאָ יעדאו פּאַסקו דאָמאָי"? און בכלל
ווי קאָן אַ לעבעדיגער מענטש זאָגען „בעזופּרעמעננאָ"?... עס האָט
איהם נישט געהאָלפען קיין שום פאַרענטפערען זיך מיט קיין שום
נעבען צו פאַרשטעהן. זי האָט איהם באַגראָבען וויפיעל ס'איז אין
איהם אריין, און איז געווען ניט אינגאַנצען אומגערעכט: יענע

האָט אַזוי. אַרויסגעקוקט! נאָר... נאָרנישט. דערויף איז זי אַ
ווייב. זי זאָל באַגראָבען אַ מאַן. ס'איז אָבער אַלסדינג בלאָטע
קעגען דעם, וואָס ער, שלום־שכנא הייסט עס, האָט געהאַט פון דער
שטאָדט, פון כתרילעווקע הייסט עס, וואָרום איידער שלום־שכנא
איז נאָך געקומען דעם צווייטען טאָג חול־המועד אַהיים, האָט שוין
די גאַנצע שטאָדט, איהר האָרכט צי ניין, געוואוסט פון דער טעשה
מיט יאַרעמע'ן און מיט'ן אָרון במקרך און מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק
און מיט דער קאָקאַרדע און מיט'ן קאָנדוקטאָר'ס וואַשע בלאַהאָראָ־
דיע — אַלסדינג! חאָטש ער אַליין, שלום־שכנא הייסט עס, האָט
געלייקענט שטיין און ביין, גע'טענה'ט, אַז דאָס האָבען לצים אויס־
געטראַכט, כתרילעווקער לצים; ווי האָבען ניט וואָס צו טהון, עס
געהט ווי אָפּ סאָפּוועהטיג, אפנים? פאַרשפּעטיגט האָט ער איבער
דעם, זאָגט ער, וואָס ער איז אָפּגעפאָהרען אין אַ זייט אָנקוקען אַ
אימעניע מיט אַ וואלד. נאָר ווער מיר אימעניע? וואָס מיר
וואלד? אַ נעכטיגער טאָג! ביי די זייטען האָט מען זיך געהאַל־
טען! מיט די פינגער האָט מען אויף איהם געטייט! אַנדערע האָ־
בען איהם געפרעגט: „ווי האָט איהר זיך געפיהלט, רב שלום־
שכנא, אינ'ם היטעל מיט'ן רויטען אָקאָלעשאָק און מיט דער קאָ־
קאַרדע?" אַנדערע האָבען געוואָלט וויסען, צי ס'איז טאַקי אַזוי
גוט צו פאָהרען ערשטע קלאַס, ווי די וועלט זאָגט?... קינדער־
קונדסים — די זענען איהם נאָכגעלאָפען אַ גאַנצע חאַליאַסטרע פון
הינטען, איהר האָרכט צי ניין, און געשריגען: „וואַשע בלאַהאָ־
ראָדיע! וואַשע וויסאָקע בלאַהאָראָדיע!! וואַשע וויסאָקע־וויסאָ־
קע בלאַהאָראָדיע!!!"
— איהר שפּיעלט זיך מיט כתרילעווקע?

ble Passover, spending both *seders* among strangers in the house of a Jew in Zolodievka. But this was nothing—listen to what happened afterward. First of all, he has a wife—Sholem Shachnah, that is—and his wife—how shall I describe her to you? *I* have a wife, *you* have a wife, we all have wives, we've had a taste of Paradise, we know what it means to be married. All I can say about Sholem Shachnah's wife is that she's A Number One. And did she give him a royal welcome! Did she lay into him! Mind you, she didn't complain about his spending the holiday away from home, and she said nothing about the red band and the visor. She let that stand for the time being; she'd take it up with him later. The only thing she complained about was the telegram! And not so much the telegram—you hear what I say?—as the one short phrase, *without fail*. What possessed him to put that into the wire: *Arriving home Passover without fail*. Was he trying to make the telegraph company rich? And besides, how dare a human being say "without fail" in the first place? It did him no good to answer and explain. She buried him alive. Oh, well, that's what wives are for. And not that she was altogether wrong—after all, she had been waiting so anxiously. But this was nothing compared with what he caught from the town—Kasrilevke, that is. Even before he returned, the whole town—you hear what I say?—knew all about Yeremei and the official and the red band and the visor and the conductor's Your Excellency—the whole show. He himself—Sholem Shachnah, that is—denied everything and swore up and down that the Kasrilevke smart alecks had invented the entire story for lack of anything better to do. It was all very simple: the reason he came home late, after the holidays, was that he had made a special trip to inspect a wooded estate. Woods? Estate? Not a chance—no one bought *that!* They pointed him out in the streets and held their sides, laughing. And everybody asked him, 'How does it feel, Reb Sholem Shachnah, to wear a cap with a red band and a visor?' 'And tell us,' said others, 'what's it like to travel first class?' As for the children, this was made to order for them—you hear what I say? Wherever he went they trooped after him, shouting, 'Your Excellency! Your excellent Excellency! Your most excellent Excellency!' "

"You think it's so easy to put one over on Kasrilevke?"

*Translated by Isaac Rosenfeld*